א ליכטיגן תמיד
אודיו
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

אור הבוקר

יום א' פרשת בהעלותך תשפ"ב

דינען דעם באשעפער מיט חיות דקדושה

עס שטייט אין פסוק, אין די וואכענדיגע סדרה, ויעש כן אהרן, אהרן האט אזוי געטון, ער האט אנגעצינדן די מנורה. זאגט רש"י, 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', די תורה קומט אונז דא לערנען, די שבח, די לויב פון אהרן הכהן, ער האט נישט משנה געווען וויאזוי דער הייליגער באשעפער האט אים געהייסן טון די עבודה פון אנצינדן די מנורה אין די משכן.

עס איז דא א מלתא דבדוחתא וואס דרייט זיך ארום, אז מען האט אמאל געפרעגט א בחור, וואס האט נישט געקענט אזוי גוט לערנען, וואס מיינט 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה'? האט דער בחור געענטפערט, אז פשט איז אזוי: אז די תורה קומט אונז זאגן די לויב פון אהרן הכהן, אז ער איז נישט געשלאפן... עס איז נישט די אמת'ע טייטש, 'לא שינה' מיינט, ער האט נישט משנה געווען. ער האט געטייטשט 'לא שינה', ער איז נישט געשלאפן.

אבער די אמת איז, אין דעם ליגט א טיפע תשובה, עס איז אמת לאמיתו! 'שבחו של אהרן' מיינט, ער איז נישט געשלאפן. וואס הייסט? ווען א מענטש טראכט אריין, אז איינמאל אין אכט און צוואנציג יאר, איז דא די מצוה פון 'קידוש החמה', קינד און קייט, מען שטייט אויף פרי, מען גרייט זיך צו, און ווען עס קומט די צייט, מאכט מען די ברכה מיט התלהבות, מיט התרגשות דקדושה, מען מאכט נאך א ריקוד, און מען זינגט ניגונים. אהה! מען האט זוכה געווען צו מאכן די ברכה פון איין מאל אין אכט און צוואנציג יאר!

אונז האב מיר יעדן טאג די זכיה צו זאגן מאה ברכות! אונז האבן די זכיה צו זאגן מער ווי מאה ברכות! וויפיל דארף מיר אונז מיט אן התרגשות, מיט א ווארימקייט, מיט הרגישים דקדושה, זיך ארויפכאפן דערויף?! הונדערט ברכות יעדן טאג!! א ברכה פאר אכט און צוואנציג יאר, סך הכל איז עס א ברכה פארן הייליגן באשעפער, נאך א ברכה...

אונז האבן יעדן טאג הונדערט ברכות! עס איז א מורא'דיגע זאך די ברכה פון איינמאל אין אכט און צוואנציג יאר, אבער בכל יום יהיה בעיניך כחדשים!

דאס איז פשט: 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', עס איז נישט געווען ביי אהרן הכהן, די ברכה וואס ער האט געמאכט יעדן טאג, צו די ברכה וואס ער האט געמאכט איינמאל אין אכט און צוואנציג יאר! דאס איז די רעיון וואס דער בחור האט געענטפערט משיח לפי תומו, 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', אהרן האט נישט געשלאפן, ער האט געלעבט מיט א חיות דקדושה, מיט א פרישקייט, יעדן טאג האט ער געטון די מצוות און מעשים טובים, כאילו ער איז יעצט געבוירן געווארן, און ער ווארט שוין אויף דעם א גאנץ לעבן. ווייל עס איז נישט כאילו, ווייל עס איז באמת אזוי!

די זעלבע ווערטער איז א מורא'דיגע חיזוק פאר מענטשן אויך. א מענטש טראכט: אזא שווערע טאג קומט... עס גייט אזוי שווער ח"ו... דאס ארבעט זיך נישט אויס, יענץ ארבעט זיך נישט אויס... עס גייט נישט אזויווי מען טראכט, און אזויווי מען האט זיך אויסגערעכנט... מען ווערט צאמגעבראכן... אז דו האסט אויפגעעפנט די אויגן, און דו זעסט די וועלט, איז א סימן אז דער הייליגער באשעפער דארף דיר, און ער האט דיר ליב! ווייל אז נישט, וואלסטו נישט זוכה געווען צו זען די לעכטיגקייט פון די וועלט! א איד לעבט אויף די וועלט, ווייל דער באשעפער וויל ער זאל לעבן, 'בעל כרחך אתה חי', ער דארף דיין עבודה, און ער וויל דיין עבודה! דאס אליין איז שוין גענוג משמח זיין א מענטש, פרייליך מאכן א מענטש, ארויסברענגען די גרעסטע הכרת הטוב פון שמחה פארן הייליגן באשעפער. איז נישט דא קיין פלאץ פון עצבות און מרה שחורה, קנאה שנאה תאווה וכבוד. נאר פרייליכקייט! יא, דער הייליגער באשעפער האט מיר צוריקגעגעבן מיין נשמה קדושה וטהורה, איז א סימן אז ער דארף מיר, און ער וויל מיר, און ער האט מיר ליב, און איך האב אים ליב!

זיי זיך סובל

ביי די הגדה זאגט מען 'בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים'. לראות איז א לשון וואס די גמרא ברענגט (כתובות קט) 'רואה אני את דברי אדמון', עס איז א לשון פון 'געפעלן'. 'בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו', א מענטש דארף זיך געפעלן, ער זאל נישט זיין מיואש אויף זיך, ער זאל נישט אויפגעבן אויף זיך. אפילו עס איז דא א מצוה פון שפלות, הכנעה און גוטע מידות, אבער מען דארף זיך קענען סובל זיין. יא, מען דארף זיך קענען סובל זיין. 'חייב אדם לראות את עצמו', א מענטש דארף זיך געפעלן, 'כאילו הוא יצא ממצרים', יעצט גיי איך ארויס פון מצרים, נישט קיין חילוק וואס עס איז געווען ביז יעצט.

כתית למאור

רבי **משה קאזשניצער** זצ"ל זאגט: 'כתית' א מענטש דארף זיין מיט הכנעה, עס איז א בחינה פון אראפגעקלאפט, אבער נאר 'למאור', טאמער דורך דעם וועט ער לייכטן, עס וועט זיין א לעכטיגקייט, אבער 'לא כתית' מען טאר נישט האבן קיין שפלות, ווערן צעקלאפט, 'למנחות', אז מען בלייבט רוען און מען טוט נישט קיין עבודת ה'.

טראָץ די שפלות זיי זיך סובל

דער הייליגער רבי ר' **בונם פון פשיסחא** זצ"ל טייטשט: 'והאיש משה עניו מאוד', זאגט רש"י - 'שפל וסבלן'. 'שפל', אפילו בשעת ער האט זיך געשפירט אין א מצב פון שפלות, 'וסבלן', האט ער זיך נאך אלס געקענט סובל זיין.

א איד דארף זיך קענען סובל זיין. עס איז דא אזא זאך, ווי א יצר הרע קומט אריין אין א מענטש, און ער זאגט אים, דאס טויג נישט און יענץ טויג נישט, און מען שפירט אסאך מאל, עס איז דא אזא הרגש ליידער ביי מענטשן, פארוואס לעב איך אויף די וועלט? פארוואס בין איך דא ח"ו? א איד דארף זיך קענען סובל זיין. ווייסט פארוואס איך בין דא? איך בין דא צו טון די רצון ה'! איך האב אזוי ליב דער אויבערשטער, וואס איך קען, און וואס איך דארף טון, צו מאכן א נחת רוח פארן הייליגן באשעפער, פאר דעם בין איך דא! דאס איז די סיבה פארוואס איך בין דא! מיר דארפן זיך שטארקן מיט דעם, יא! איך בין באשאפן געווארן, יעדן טאג ווער איך עקסטער באשאפן, המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית, עס איז א פרייליכע טאג, א לעכטיגע טאג!

נישט געבן פארן יצר הרע קיין שום פלאץ נישט

רבי יעקב גאלינסקי ז"ל האט פארציילט: ער איז אמאל געזעסן אויף א באס נעבן א איד וואס ער איז נישט קיין שומר תורה ומצוות, און יענער איד האט געוואלט מיט אים שמועסן. אזוויי רבי יעקב גאלינסקי האט נישט געוואלט הערן קיין שטותים, פראסטקייטן, האט ער אנגעפאנגן א שמועס מיט דעם איד, און ער זאגט אים, אז יעדער איד דארף האבן א ליניע, אפילו ח"ו ער האט א נפילה, אבער מער פון דעם גייט ער נישט. דא רעדט מען, אז ער האט גערעדט צו א פרייער איד... פרעגט ער פון יענעם: וואס איז דיין ליניע, וואס וויינגער פון דעם גייסטו נישט?

דער איד, האט אן קיין טראכטן געענטפערט: ער גייט קיינמאל נישט אין זיין לעבן ווערן א גוי, בשום אופן שבעולם נישט, ער בלייבט א איד, אפילו דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן, אז ער איז זייער שוואך, אבער א איד וועט ער בלייבן!

האט אים רבי יעקב גאלינסקי געפרעגט, צו ער מעג אים פארציילן א מעשה. האט ער אים געזאגט, יא. האט ער אים פארציילט אזוי:

עס איז געווען פאר די צווייטע וועלט קריג, האט אים זיין ראש ישיבה, הגאון רבי אברהם יפה'ן זצ"ל [דער ראש ישיבה פון נאווארדיק אין ביאלעסטאק, און אן איידעם ביים אלטער פון נאווארדיק זצ"ל] געשיקט צו איינע פון די אפיסעס אין די רעגירונג, מסדר זיין די שריפטן פון די בנין פון די ישיבה, וויבאלד עס איז געווען מלחמה צייטן, האבן זיי מורא געהאט אז זיי וועלן פארלירן די רעכטן אויף די בנין הישיבה, ממילא האט מען אים אריבערגעשיקט דארט, מסדר זיין, מאכן זיכער, אז די בנין איז איינגעשריבן אויף די נאמען פון די ישיבה.

למעשה, ער האט נישט געקענט אויספירן די שליחות, ווייל עס איז שוין

געווען דעמאלסט שווער אינמיטן די מלחמה, ער איז געקומען מיט די באן, און ער האט נישט געקענט האבן א באן, ער האט געמוזט גיין אסאך צופיס. אינמיטן די וועג האט ער באמערקט ביי איינע פון די שטעטלעך, אז דארט טוט זיך עפעס א גרויסע צאמקום, איז ער געגאנגען אהין קוקן וואס עס איז געשען. אזויווי ער קומט דארט אן, זעט ער אז דער ראש פון די שטאט שטייט אויף א גרויסן בענקל, און די גאנצע עולם שטייט ארום אים, און ער הייבט אן זאגן:

איר זאלט וויסן אז עס קומט א היטלער, די דייטשן ווילן איינעמען, איר זאלט נישט מיינען אז זיי ווילן איינעמען נאר די שטעטל דא, נאר וואס דען? ער וויל איינעמען די גאנצע וועלט. נאר וויבאלד די שטעטל איז נעבן א פארט וואו מען קען גרינג אנקומען צו די שיפן, צו מאכן טראנספארטן, אריינברענגען און ארויסברענגען, און דאמאלט האט מען נעבעך נאכנישט געוואוסט וואס דער רשע מרושע האט אינזין געהאט, און עס איז נעבן די באן סטאנציע, ממילא וויל ער דאס איינעמען די ערשטע. האט דער ראש העיר געזאגט: מען זאל וויסן, אז טאמער מען וועט אים איבערגעבן די שטאט, וועט ער קענען איינעמען די גאנצע מדינה, טאמער וועלן מיר אים צוריקהאלטן, און נישט לאזן איינעמען דעם שטאט, וועט מען קענען ראטעווען די גאנצע מדינה, און אלע מדינות ארום! אזוי האט דער הויפט פון די שטאט געזאגט פאר די אלע מענטשן.

האט רבי יעקב גאלינסקי געזאגט: אזוי ווי ער האט געהערט די ווערטער פון דעם גוי, איז ער זייער נתפעל געווארן. ער איז צוריקגעקומען צו דער ראש ישיבה, און ער האט אים געזאגט אזוי: די שריפטן אז די בנין באלאנגט פאר די ישיבה, דאס האט ער טאקע נישט באקומען, אבער ער האט א צווייטן מתנה וואס ער ברענגט אים אהיים. וואס פאר א מתנה? - פרעגט אים דער ראש ישיבה. האט ער אים פארציילט אלעס וואס ער האט געהערט פון דער גוי, פון דעם ראש העיר. און ער איז מסביר אזוי: אויב מען וויל צוריקהאלטן די פיינט, דער יצר הרע זאל נישט קענען מכשיל זיין, ער זאל נישט האבן קיין פלאץ, דארף מען אים דערווייטערן און אפילו אין א קליין פלאץ טאר מען אים נישט געבן קיין שליטה, אין קיין שום מקום נישט, ער קען דא אינגאנצן נישט אריינקומען! טאמער דו לאזט אים אביסל אריין, דער אויבערשטער זאל אפהיטן, טרעפט ער א גרויסן פלאץ, און ער קען איבערנעמען די גאנצע מענטש.

און ער זאגט אזוי פאר דעם פרייען איד: די גדר צו זאגן, מען וועט בלייבן א איד, האלט זיך נישט. אויב דו לאזט דער יצר הרע אריינקומען, דארפסטו וויסן, ער קען אלעס איבערנעמען. די איינציגסטע וועג איז, אז מען לאזט אים נישט אריין. און אזוי האט ער גע'פועל'ט און ער האט אריינגעלייגט כוחות, אים צו מאכן פאר א בעל תשובה.

אוונזער ארויסברענג פון די מעשה איז: א איד דארף צו וויסן, עס איז נישט קיין שום פלאץ נישט אריינצולאזן קיין שום ייאוש, קיין שום עצבות, קיין שום מרה שחורה, אויף קיין שום אופן נישט.

מיט די כח פון ריינע אמונה פשוטה

עס איז געווען א מעשה, וואס האט פאסירט פרשת נשא תשפ"ב, דא אין חוץ לארץ, אין די שטאט מאנסי. עס איז דא א איד, גאר א חשובער איד, אן אייניקל פון הרה"ק רבי ישעי'לע פון קערעסטיר זי"ע, וואס די רעגירונג האט אים באשולדיגט צו טון אומלעגאלע שריט און אומלעגאלע זאכן. מען האט אים ארעסטירט, און ער האט געהאט גאר א שווערע משפט.

דער איד, פון ווען מען האט אים ארעסטירט ביזן משפט, האט ער נישט געוויזן קיין שום פחד, נישט ער און נישט די בני בית און נישט די קינדער, עס איז געווען אמונה פשוטה, אז מען טראכט גוט, מען רעדט גוט - וועט זיין גוט. זיי האבן זיך אריינגעלייגט, די מאן און די פרוי, אין די ענין פון חסד, טון אסאך חסד פאר אידן, מתפלל זיין אויף מקומות הקדושים, און די עיקר איז, לעבן מיט אמונה פשוטה, גלייבן אינעם הייליגן באשעפער, און עס זאל נישט זיין קיין שום פחד. די קינדער אין שטוב זאלן נישט לעבן אין קיין אנגעצויגנקייט, די מענטשן ארום זאלן נישט לעבן אין קיין אנגעצויגנקייט, און דאס קען מען נאר טון, ווען מען האט אינערליכע אמת'דיגע אמונה און בטחון אינעם אויבערשטער, מען גלייבט אז דער הייליגער באשעפער איז 'טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו', מען טוט חסד פאר אידן מיט מסירת נפש ממש, מען איז מתפלל אויף מקומות הקדושים, מען האט אמונת צדיקים, און מען קאכט זיך אין אמונה, מען קאכט זיך אין בטחון, מען לעבט זיך מיט דער הייליגער באשעפער.

א וואך פאר די משפט, דאס האט געדארפט זיין די ענדגילטיגע משפט, די פסק דין האט געדארפט ארויסקומען, האט געזאגט דער איד פאר זיין בני בית, אז ער וויל, אז אין די טאג פונעם משפט, זאל מען אויפשטיין פרי, און מען זאל באקן בילקעס, אז מען זאל זיין גרייט פאר די סעודת הודאה, ווייל זיי גייען אהיימקומען בעזר ה' פריי פון יעדן באשולדיגונג.

עס האט אויסגעקוקט שלא בדרך הטבע, ווייל נאך אלע השתדלות און נאך אלע פארהאנדלונגען, און נאך טון יעדע סארט השתדלות בדרך הטבע וואס עס איז נאר שייך [וואס מען האט געטון זייער אסאך אויף אלע אופנים, וואס עס איז נישט קיין נפקא מינה אריינצוגיין אין די פרטים], האט אויסגעקוקט, אז אונטער אכצן חדשים תפיסה איז ממש נישט בדרך הטבע, חוץ נאך צו זיין אינדערהיים ארעסטירט, און נאך זאכן. עס האט אויסגעקוקט אז עס קען נישט גיין ווייניגער דערפון.

די משפחה איז אזוי ווייט געגאנגען, אז ווען עס איז געקומען די טאג פארן משפט, האט מען געזאגט פאר די קינדער אין שטוב, אז די קינדער זאלן גיין קויפן, יעדער איינער, עפעס א גוטע זאך אין געשעפט, א גוטע מאכל וואס ער האט ליב, ווייל מארגן ווען מען וועט אהיימקומען פונעם משפט, וועט מען דאנקן און לויבן דעם אויבערשטער, און מען וועט מאכן א סעודה וואס מען גייט אפבאקן פאר מען גייט צו די משפט, און יעדער איינער וועט האבן די גוטע מאכל וואס ער האט זיך איינגעקויפט א טאג פריער, כדי עס זאל זיין א ווארימע געשמאקע סעודה, און יעדער זאל זיך קענען ארויסגעבן די שבח והודאה פארן בורא כל עולמים.

איינער פון די קינדער האט אפילו געפרעגט: ענק זענען אזוי שטארק זיכער אז עס וועט זיין גוט און עס איז גוט, און מען וועט אהיימקומען, וואס וועט געשען טאמער ח"ו עס וועט נישט אזוי זיין?! די עלטערן האבן נישט געוואלט הערן: עס איז נישט דא קיין טאמער, עס איז נישט דא וואס וועט זיין... אונז לעב מיר אין אמונה און בטחון אינעם הייליגן באשעפער, אן קיין פלאץ פון ייאוש, אן קיין פלאץ פון ספיקות!

דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן, און ברוך הוא הוי"ה ברוך הוא [נישט קיין חילוק אריינצוגיין אין די פרטים פונעם משפט יעצט, אפשר אין אן אנדערע געלעגנהייט וועלן מיר דורכגיין די פרטים, מען וועט עס איבערשמועסן מיט די בעלי מעשה, און זען וואס ער וויל מען זאל יא פארציילן און וואס נישט, פרטי פרטים, וואס איז זייער אינטערעסאנט, און א געוואלד השגחה פרטית איז דא אין די פרטים אויך, אונז רעד מיר יעצט נאר בכלליות... אבער אזויפיל קען מיר אונז מבשר זיין די בשורה טובה, אז] די אידן זענען אהיימגעקומען, און זיי האבן געגעסן פון די בילקעס, און די קינדער האבן געגעסן די גוטע מאכלים וואס זיי האבן זיך איינגעקויפט.

און נאך מער פון דעם, די עלטערן זענען אהיימגעקומען פונעם משפט, האבן זיי געטראפן א שיינעם געדעקטן טיש, און א הערליכן סעודת הודאה צוגעגרייט. ווייל די קינדער האבן געהאט די כח פון אמונה פשוטה, די כח פון בטחון אינעם הייליגן באשעפער. און די עלטערן זאגן: נישט די עלטערן, נישט די קינדער פון די משפחה, נישט די בני משפחה ארום, קיינער איז נישט אדורכגעגאנגען קיין שוועריגקייטן. ווייל אז מען זעט א איד וואס איז באשולדיגט אויף קרימינאלע אקטן, דרייט זיך ארום מיט אזא אמונה פשוטה, מיט אזא שמחה, און מען איז עוסק אין חסד, ער איז עוסק אין תפילה, ער איז עוסק אין אמונת צדיקים, מחזק זיין אידן לתורה ועבודה וליראת שמים, אמונה ובטחון מיט א רואיגקייט, כאילו לא היה, דאס האט אריינגעברענגט א שמחה אין יעדעם איינעם, עס האט אריינגעברענגט א געשמאק. נאכמער, ווען מען האט געבאקן די בילקעס, פון אנפאנג האט עס אויסגעקוקט אזוווי דמיונות, איר ווייסט דאך וויאזוי א מענטש שפירט, 'עפעס אונז זעמיר בעלי דמיונות?!' אבער די אידן זאגן: ניין! אזוווי מען האט אנגעפאנגען צו באקן די חלות, איז אריינגעקומען א חיות דקדושה, א חיות דשמחה, מען האט געבאקן אמונה חלות! מען האט געבאקן בטחון חלות! מען האט געבאקן חלות פון דביקות הבורא ית"ש ויתעלה.

דאס איז פשט 'מגיד שבחו של אהרן שלא שינה' - א איד שלאפט נישט, א איד מאכט נישט קיין חילוק אין קיין שום מצב, ער לאזט נישט אריין דעם יצר הרע אויף קיין שום פלאץ, דעמאלסט קען מען דעם שונא אוועקטרייבן, און דער הייליגער באשעפער העלפט אז אין זכות פון חסד, פון אמונה בטחון שמחה און שלום, זעט מען ישועות שלא בדרך הטבע.

'מאת ה' היתה זאת' - ווען א איד גלייבט אין דעם שם הוי"ה, אז אלעס טוט דער הייליגער באשעפער, 'הוא נפלאת בעינינו' - זעט מען נפלאות מיט די אייגענע אויגן.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, אלע אידן זאלן זען ישועות, אלע אידן זאלן זען נפלאות, מיר זאלן זוכה זיין דאס צו משיג זיין, און מען זאל זוכה זיין צו אך טוב וחסד, כל טוב סלה, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

קול פנים מאירות: שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א
צענטראלע נומער: 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 |
ארגענטינע: 5411-2152-7691 | **אנטווערפן:**323-346-0673 | **מאנטריאל:**438-228-2500

אור לנתיבתי

א בחור נאך ישיבה

א טאטע האט אנגעפרעגט: ער האט א בחור'ל פון פופצן יאר. מען ענדיגט ישיבה ביינאכט, וואו לאנג נאך ישיבה דארף מען ערווארטן אז דער בחור זאל אהיימקומען? דאס טייטשט אזוי: אויב דארף ער אהיימקומען גלייך פון ישיבה, ווען די ישיבה ענדיגט, און נישט גיין פארברענגען מיט חברים, דארף ער זיין אינדערהיים 10-15 מינוט נאכדעם וואס די ישיבה האט געענדיגט די טאג. אבער ער וויל שמועסן מיט חברים, ער וויל גיין אין בית מדרש, ער וויל גיין אין היכל התורה, ער וויל זיך אביסל דרייען. דארף מען לאזן די בחורים, אדער דארף מען נישט לאזן?

תשובה: דאס איז זיכער אז בחורים מעגן זיך אמאל לופטערן, אבער ביינאכט איז נישט קיין זמן סגולה. ערליכע בחורים, ווארילע בחורים, קענען זייער שטארק אוועקפאלן פון דעם זיך ארומדרייען ביינאכט. ביינאכט איז א זמן וואס עס איז נישט דא קיין שמירה, ביינאכט איז די עולם אפגעמוטשעט, אסאך מאל איז מען אביסל צעלאזט, ביינאכט איז דא מער באהאלטענע פלעצער. אין די ישיבה גיבט מען היינטיגע צייטן גענוג צייט דורכן טאג, צו פארברענגען מיט חברים, ביי פרישטאג, מיטאג און נאכטמאל, און אפילו אינמיטן טאג, מען קען זיך ערלויבן אביסל צו שמועסן. א בחור פון ישיבה דארף ביינאכט זיין אינדערהיים, אויב ער וויל זיין אין בית מדרש, דארף עס זיין מיט די רשות און די אחריות פון די עלטערן. מען קען נישט האבן אז די בחורים זאלן זיין נישט אין די ישיבה און נישט אינדערהיים, ווען עס איז שוין טינקל ביינאכט, אן דעם וואס די עלטערן זאלן וויסן וואו זיי זענען. עס דארף קומען סיי מצד הנהלת הישיבה, און סיי מצד די עלטערן.

אונז פארשטייט מיר אז די בחורים וועלן האבן טענות, און זיי וועלן שפירן אז מען לייגט אויף זיי צופיל דרוק. מען דארף אבער זייער שיין מסביר זיין פאר דער בחור, אז אונז עלטערן טראג מיר אונז די אחריות. ווען דו ענדיגסט ישיבה, אויב

דו ביסט נישט אינדערהיים, ווייס איך נישט וואו דו ביסט. איי וועסטו פרעגן, בין הזמנים גייסטו אויך דאווענען אין בית מדרש, און דער טאטע גייט נישט מיט מיט דיר? אין הכי נמי, אבער דעמאלט דרייען זיך אלע בחורים, און דעמאלט איז דא מער א בחינה פון אן עינא פקיחא, וויבאלד מען ווייסט אז די בחורים דרייען זיך, און עס איז אויך בייטאג. ביינאכט נאך ישיבה ווען עס איז שוין א זמן וואס די עולם דארף שוין זיין אינדערהיים, מען גייט זיך שוין לייגן, איז א זמן וואס איז נישט מסוגל פאר יראת שמים, עס איז נישט קיין גוטע זמן דעמאלט זיך צו דרייען. ווילסט שמועסן? שמועס מיט די חברים אויפן גאס, אויפן וועג אהיים פון ישיבה, מען שמועסט אביסל אויפן גאס. אז מען מאכט אפ מיט די עלטערן אז עס גייען א חבורה בחורים אין בית מדרש, א צען פופצן בחורים צוזאמען, צו אפילו פיר פינף, אויף א פאר מינוט, און נאכדעם קומט מען אהיים, עס איז מסודר מיט א זייגער, און די עלטערן ווייסן אז ווען מיין זון איז נישט אינדערהיים איז ער אין בית מדרש, אין חדר השיעורים, חדר התפילה, אין היכל התורה, און ער קען אים אפירזוכן, ער קען וויסן וואו ער איז, און דער בחור ווייסט אז די עלטערן ווייסן וואו ער איז, עס איז דא אן אחריות, דעמאלט קען מען זיך אויסשמועסן מיט א בחור, עס איז נישט קיין פעלער. אבער אז א בחור זאל נישט זיין אין א פלאץ, וואס עס איז מצד די עלטערן, אדער מצד די ישיבה, אויף א שעה-צוויי און אפילו אויף א דריי פערטל שעה, עס איז נישט קיין זמן מסוגל ביינאכט.

דער בחור דארף עס פארשטיין, די עלטערן דארפן עס אים שיין מסביר זיין, אז ח"ו, נישט ווייל מען וויל לייגן דרוק, נישט ווייל מען האלט אז ער איז נישט ערליך, נישט ווייל מען געטרויעט אים נישט, נישט ווייל ער איז נישט געגוג גרויס. עס איז פשוט, ווייל אזוי האלט מען קדושתן וטהרן של ישראל. א בחור איז אונטער די אחריות, אדער פון די ישיבה, אדער פון די עלטערן. עלטערן דארפן שטענדיג וויסן וואו מען איז. אינמיטן טאג איז נישט געפערליך דא און דארט, אבער ביינאכט דארף מען מאכן זיכער אז די בחורים קומען אהיים.

און די עלטערן זאלן וויסן: זיי דארפן יא קלאר וויסן מצד די ישיבה, ווען מען ענדיגט ישיבה, און האלטן קאפ ווען די קינד קומט אהיים, און טאמער זיי זעען

אז עס איז מער צייט ווי די רעטין, ווי עס דארף זיין, דארף זיין א 'כבדהו וחשדהו'. זייער אסאך בחורים ווערן קאליע פון שלעכטע חברותות, פון שלעכטע זאכן, וואס געשעהן אין די ביינאכט שעה'ן. עס איז נישט א זמן מסוגל זיך צו דרייען, מען באלאנגט נישט אין בית מדרש.

ווען מען ווערט שוין א ישיבה גדולה בחור, מען איז שוין עלטער, מען איז שוין 17, מען איז שוין 18, נו, מען קען נישט לעולם ועד נאכגיין מענטשן, מען איז שוין מער א בעל דעת, מער רייף, שוין מער בעל אחריות. אבער פאר מען לערנט אין א ישיבה גדולה פאר 18-17 יאר, דארף מען א שמירה יתירה, און עס איז לטובתם פון די עלטערן, לטובתם פון די בחורים, עס איז זייער א וויכטיגע זאך אז די בחורים זאלן יא וויסן, אז זיי דארפן געבן דין וחשבון וואו זיי זענען, ווי לאנג זיי זענען, און די עלטערן טראגן א שטארקע זארג און אחריות.

פארשטייט זיך, מען דארף עס זאגן מיט אן אהבה און מיט פארשטאנד, לאזן די בחור צוריקענטפערן און זיך אויסשמועסן, זיך פארשטיין און זיך קלאר מאכן. איינע פון די זאכן וואס דער בחור וועט דיר קומען זאגן: "וואס איז מיט אנדערע בחורים?"... די תשובה דארף זיין: איך זאג דיר די אמת, איך קען נישט אנדערע בחורים, איך קען נישט אנדערע עלטערן. אבער עס זעט אויס, איך בין דיר געטרייער, זעט אויס איך האב דיר באמת ליב, און איך שעץ דיך, און איך טו דיר אפהיטן, איך וויל דיר גארנישט שלעכט טון, איך פריי זיך ווען דו ביסט מיט חברים, איך פריי זיך ווען דו גייסט אין בית מדרש, איך בין דיר נישט חושד אז דו גייסט ערגעץ אנדערש, אבער וואס זאל איך טון, כולו עלמא ידעי, עס איז נישט קיין זמן מוכשר? יעצט איז די זמן ווען מען קומט אהיים צו די עלטערן, קענסט זיך דא לופטערן, קענסט הערן שיעורים, קענסט רופן אויף די טעלעפאן כשר'ע זאכן, קענסט לייענען, קענסט רעדן צו די טאטע, צו די מאמע, צו דיינע געשוויסטער. ביינאכט לופטערט מען זיך אין שטוב. הצלחה ברכה און סייעתא דשמיא.

מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

מאירת עינים

דרשת הכנה והדרכה לימי הקיץ [חלק א׳]

שנת תשפ"ב

א גוטן טאג, זונטאג פרשת קרח תשפ"ב, ז׳ לחודש תמוז.

בס"ד, בשם ה׳, וועלן מיר געבן א שיעור הכנה לימי הקיץ. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, מען זאל זיך קענען צוגרייטן און זיך אויפפירן אין די זומער טעג אזויווי עס באדארף צו זיין, מקדש זיין די שם שמים, דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, מען זאל זוכה זיין נאר צו הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות, בס"ד.

די מעלה פון זיצן אינדערהיים

עס איז דא א ווארט פונעם הייליגן ראפשיצער רב זי"ע: די מזמור ׳אשרי יושבי ביתך׳ גייט לויט די אותיות פון די א"ב, און ׳אשרי תמימי דרך׳ גייט אויך לויט די אותיות פון די א"ב. אבער, ׳אשרי יושבי ביתך׳ זאגט מען נאר איין אות פון די א׳ ב׳, און ווידער, ביי ׳אשרי תמימי דרך׳ זאגט מען 8 מאל יעדע אות פון די א׳ ב׳. וואס איז פשט?

נאר וואס דען - זאגט דער הייליגער ראפשיצער רב - ווען א מענטש איז אין די בחינה פון ׳אשרי יושבי ביתך׳, ער זיצט בקביעות אויף איין פלאץ, איז גענוג צו זאגן איינמאל די פסוק. אינמאל ער זאגט א פסוק, פארשטייט ער עס שוין, ער ווערט שוין מקושר צו דעם, ער קען עס דורכטראכטן, ער קען עס דורכלערנען, ער האט א קשר מיט די פסוק, אפילו ער זאגט עס נאר איינמאל. אבער ווען א מענטש איז אין א בחינה פון ׳אשרי תמימי דרך׳, ער איז אויף די וועגן, דעמאלסט דארף מען זאגן יעדע פסוק 8 מאל.

פארוואס? ווייל זיינע הנהגות ווערט פארענדערט לויט די מצבים, און מען דארף אים פארלערנען יעדע פסוק פון די א׳ ב׳ אויף נאך אן אופן, און נאך אן אופן. ווייל א מענטש ווען ער איז אינדערפרעמד, ער איז נישט ׳אשרי יושבי ביתך׳, איז דא עליות און ירידות, מען גייט אהער און מען גייט אהין, און די הייליגע תורה וויל אונז נאכלויפן, אז מיר זאלן אויף אלע פעלער טרעפן די תורה. מה שאין כן ביי ׳אשרי יושבי ביתך׳ איז גענוג איין מאל, עס איז נאר דא איין מהלך, איין דרך, וויאזוי מען איז אוועקגעשטעלט.

זיצן אינדערהיים און לויבן דעם באשעפער

אויף דעם זאגט מען נאך פון צדיקים, אז ׳אשרי יושבי ביתך׳ ענדיגט זיך, מיט ׳תהילת ה׳ ידבר פי׳, אז מען זיצט אינדערהיים, געדענקט מען א גאנצן טאג צו לויבן דעם באשעפער. אבער ׳אשרי תמימי דרך׳, אז מען גייט ארויס אויף די וועג, טראץ דעם וואס מען האט 8 מאל געזאגט יעדע פון די א׳ ב׳, ענדיגט זיך עס, מיט ׳ומצותיך לא שכחתי׳, מען קומט אן אהיים און מען האט נישט פארגעסן די מצוות פונעם אויבערשטן, איז מען שוין צופרידן... קיין ׳תהלת ה׳ ידבר פי׳ קומט פון דעם נישט ארויס, אזוי שטייט פון די ספרים הקדושים.

אונזער קביעות׳דיגער פלאץ איז אין בית מדרש

דער גאון רבי יצחק אלחנן ספעקטער זצ"ל האט אמאל געזאגט א מורא׳דיגע ווארט. קפיטל קי"ב אין תהלים, האט דוד המלך מתקן געווען אויף די אידן וואס גייען ארויף קיין ירושלים עולה רגל זיין. שיר המעלות לדוד, שמחתי, מיט א מורא׳דיגע שמחה, באומרים לי, ווען מען זאגט מיר, בית ה׳ נלך, אז מען גייט שוין ארויף צו די בית ה׳, און ער רעכנט דארט אויס די גרויסע שמחה, שאלו שלום ירושלים ישליו אוהביך, יהי שלום בחילך שלוה בארמנותיך, למען בית ה׳ אלקינו אבקשה טוב לך,

ווארעמע פסוקים, הערליך און שיין, מען גייט עולה רגל זיין! עס איז נישט דא וואס מאריך צו זיין, נאר ארויסצוברענגען די התרגשות פון די ערווארטונגען אז מען גייט שוין ארויף עולה רגל זיין.

קפיטל פ"ד איז נתקן געווען פאר די אידן וואס גייען צוריק אהיים פון עולה רגל זיין. למנצח אל הגיתית לבני קרח מזמור, הייבט מען אן זאגן דארטן, מה ידידות משכנותיך ה' צבא-ות, נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה', גם צפור מצאה בית ודרור קן לה, אפילו א פייגעלע טרעפט זיך איר אייגן פלאץ, און מען זאגט, אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה, אשרי אדם עוז לו בך, און ער גייט אריין ווייטער, עוברי בעמק הבכה, ילכו מחיל אל חיל, כי טוב יום בחצריך מאלף בחרתי, און מען ענדיגט, ה' צב-אות אשרי אדם בוטח בך.

איז מסביר רבי יצחק אלחנן א מורא'דיגע זאך. יעדער מענטש אין די וועלט דארף האבן א פלאץ, וואס דאס איז באמת זיין פלאץ. דא בין איך אוועקגעשטעלט, דא בין איך מצליח. נישט נאר מענטשן, נאר אפילו בעלי חיים. גם צפור מצאה בית, א פויגל, די עופות. אלע עופות, איז באקאנט, אז עס וועט זיך נישט אראפזעצן אויף אן אייער, צו געבוירן פרישע פויגעלעך, עופות, נאר ווען די אייער ליגן אין די מקום הקבוע וואו די תרנגולת האט דאס אוועקגעשטעלט, טאמער מען נעמט דאס אוועק, און מען לייגט דאס אויף א צווייטן פלאץ, וועט דאס אויף קיין שום אופן נישט וועלן זיצן דערויף, ווייל עס דארף טרעפן די אייגענע באקוועמקייט, דא בין איך מצליח.

מען פארציילט, אז עס זענען געווען אסאך גדולים, וואס האבן געקענט געבן הערליכע שיעורים, אבער ווען זיי זענען געלאדענט געווארן צו געבן א שיעור אין א צווייטן פלאץ, א מקום רבים, דארט האבן זיי נישט אזוי מצליח געווען.

טייטשט ער מיט דעם: אשרי יושבי ביתך. פארוואס שטייט נישט 'אשרי היושבים בביתם', וואויל איז פאר די וואס זיצן אין די הייזער? אויף דעם זאגט ער: ניין, עס איז נישט סתם אז מען דארף זיצן אינדערהיים. א מענטש דארף וויסן, די בית מדרש, דאס איז זיין מקום, דאס איז די פלאץ וואו ער באלאנגט, דאס איז זיין באקוועמע פלאץ, דארט איז ער מצליח, דארטן האט ער הצלחה ברוחניות ובגשמיות. און ממילא, אפילו ווען מען גייט ארויס פון די פלאץ, דאך געפינט מען זיך דארטן מקושר, מען איז דארט א גאנצן צייט.

און ממילא, ווען מען איז ארויסגעגאנגן פון די בית המקדש, האט מען געזאגט, נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה'. איך גיי טאקע אהיים, אוועק פון די בית המקדש, אבער מיין הארץ, לבי ובשרי ירננו אל א-ל חי, מיין הארץ, מיין נשמה, מיין נפש, אלעס בלייבט אין די בית המקדש. אזוי ווי א פויגעלע, מצאה בית ודרור קן לה, נאר אין די אייגענע פלאץ, אונז געפין מיר זיך אויך אזוי.

'אשרי יושבי ביתך' די ראשי תיבות איז גימטרי' 13, דאס איז די י"ג מידות של רחמים. ווען א מענטש ווייסט, דא איז מיין פלאץ, דא וואוין איך. אשרי אדם עוז לו בך, ער האט די שטארקייט, ער ווייסט וואו ער וואוינט. אפילו 'עוברי בעמק הבכה', ער ווייסט ער גייט דורכגיין שווערע צייטן, 'ילכו מחיל אל חיל', ער גייט פון איין מדריגה צו די אנדערע מדריגה, אבער 'כי טוב יום בחצריך מאלף בחרתי', ער בלייבט אין די בית המקדש א גאנצע צייט, ה' צבא-ות אשרי אדם בוטח בך.

דעריבער האט מען אויסגעוועלט צו זאגן יעדן טאג ביי תהלה לדוד, די צוויי פסוקים. אשרי יושבי ביתיך פון פרק פ"ד, און אשרי העם שככה לו פון פרק קמ"ד. ווייל ביידע מיינט די זעלבע זאך, ביידע שטעלט אוועק א מצב. אשרי יושבי ביתיך, איך ווייס איך וואוין אין די בית המקדש, אין די בית המדרש, דארט וואוין איך, דארט איז מיין פלאץ. אשרי העם שככה לו, ער ווייסט ווער ער איז, ער ווייסט אז דאס איז זיין פלאץ.

[המשך השיעור יבוא אי"ה]